# פּאָליטיק איז וועגן דעם ווי אַזוי מען קלײַבט.
# עס איז שוין צײַט פֿאַר אַ וואַרעמערער פּאָליטיק.

**שוועדן** איז אַ פֿאַנטאַסטיש לאַנד. אַ סך מענטשן האָבן דאָ באַוויזן צו פֿאַרווירקלעכן זייערע חלומות. מיר האָבן פֿרי אָנגענומען די פּראָבלעמען פֿון דער צוקונפֿט. אָבער במשך די לעצטע עטלעכע יאָר איז שוועדן געוואָרן קעלטער. שפּאַלטונגען און ראַסיזם זענען דערלויבט געוואָרן צו וואַקסן. די אונטערשיידן צווישן די פֿינאַנציעלע מצבים פֿון מענער און פֿרויען האַלטן אין איין שטײַגן. פּאָליטיק האָט פֿאַרמיטן צו נעמען אויף זיך די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר מענטשן און דער סביבה. מיר ווייסן אַז דאָס לאַנד וואָס גיט אויף צו זײַן פֿאַנטאַסטיש פֿאַר אַלעמען וועט באַלד נישט זײַן פֿאַנטאַסטיש פֿאַר קיינעם. דערפֿאַר איז שוין צײַט פֿאַר אַ מער מענטשלעכער און וואַרעמערער פּאָליטיק – עס איז שוין צײַט פֿאַר אַ נײַער רעגירונג.

**גלאָבאַלע** דערוואַרעמונג איז די גרעסטע פּראָבלעם פֿון אונדזערע צײַטן. ווען וועלט־פֿירערס וועלן זיך טרעפֿן אויף אַ שפּיצן־באַגעגעניש איבער קלימאַט אין פּאַריז אין דעצעמבער 2015, זאָל שוועדן קענען ווײַזן אַז עס איז מעגלעך צו מאַכן באַשלוסן וועלכע ברענגען אַראָפּ אונדזערע אַרויסגעבונגען צו אונטערהאַלטנדיקע ניוואָען. שוועדן זאָל זײַן אַ מאָדערן מוסטער־לאַנד און אַ באַגײַסטערונג. די וועלט קען זיך נישט דערלויבן אַ קלימאַט־פּאָליטיק וואָס לענדער וואַרטן פּשוט ווער עס וועט זײַן דער ערשטער אָנשטאָט האָבן די מוט צו זײַן דער ערשטער. פּאָליטיק מוז ווערן וואַרעמער. נישט דער קלימאַט.

**שוועדן** דאַרף נײַע אַרבעט־פּלעצער, אָבער די "אַרבעט־ליניע" פֿון דער אַליאַנץ האָט נישט פֿאַרמינערט אַרבעטסלאָזיקייט. אָנשטאָט דעם איז דאָס לעבן געוואָרן גאָר שווער און קאַלט פֿאַר יענע וואָס פֿאַרלירן זייער אַרבעט אָדער ווערן קראַנק. מיר ווילן אינוועסטירן אין קלימאַט־אַרבעט – אין באַנען וואָס לויפֿן צו דער צײַט, אין אויפֿלעבן די פֿאָרשטעט און אין נײַער ענערגיע־עפֿעקטיווער באַהויזונג. ביז 2018 זאָלן מער מענטשן האָבן אַן אַרבעט און יונגע מענטשן זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו געפֿינען אַ וועג צו לערנען און אַרבעט. דאָס איז אַ מער מענטשלעכע און וואַרעמערע פּאָליטיק.

**אַלע** תלמידים זאָלן ליב האָבן צו גיין אין שול. אַ סך זאָלן זײַן האַרציקע לערערס און אַלע וואָס אַרבעטן אין שולן זאָלן האָבן פּלאַץ פֿאַר זייער פּראָפֿעסיע און שעפֿערישע באַגערן. עס זאָלן נישט זײַן קיין גוטע אָדער שלעכטע שולן – אַלע שולן זאָלן זײַן גוט. ביז 2018 זאָלן פֿיל מער מענטשן אויסקלײַבן אויסגעבילדעט צו ווערן אַלס לערערס, לערערס זאָלן האָבן צײַט פֿאַר זייער אַרבעט און תלמידים זאָלן קריגן שטיצע צו דער צײַט. אַנטקעגן קאַלטער פּאָליטיק מיט מער ביוראָקראַטיע און יאָגעניש נאָך רווח שטעלן מיר וואַרעמע פּאָליטיק מיט מער אָנגעשטעלטע און מער צײַט פֿאַר יעדן תלמיד. זאָלן די תלמידים קריגן די לערערס צוריק.

**מיר זענען** איבערצײַגט אַז עס איז מעגלעך צו האָבן אַ שוועדן וואו מיר זענען פֿאַראייניקט פֿון אונדזער בשותּפֿותדיקער צוקונפֿט אָנשטאָט דעם פֿון וואַנען מיר קומען, ווי מיר זעען אויס, אין וואָס מיר גלויבן, וואָס פֿאַראַ געשלעכט מיר האָבן, ווי אַלט מיר זענען אָדער ווי אונדזער משפּחה זעט אויס. נאָך אַכט יאָר מיט דער אַליאַנץ איז טאַקע צײַט פֿאַר אַ נײַער רעגירונג און אַ וואַרעמערער פּאָליטיק.

**איר קענט זיך אָנשליסן אין דער וואַלן־קאַמפּאַניע אויף volontar.mp.se און ווערן אַ מיטגליד פֿון דער שוועדישער גרינער פּאַרטיי אויף mp.se/bli-medlem**

**ברוכים־הבאים!**

"דער קלימאַט־ענין איז וועגן דעם וואָס פֿאַראַ וועלט מיר ווילן איבערגעבן אונדזערע קינדער און אייניקלעך. עס איז דרינגלעך אַז מיר זאָלן פֿאַרמינערן אַרויסגעבונגען, אָבער מיר קענען דאָס טאָן. דאָס איז וועגן דעם קליגערן באַנוץ פֿון ענערגיע, מאָדערנע באַנען און עפֿענטלעכן פֿאַרקער און אַ סוף פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון קויפֿן און אַוועקוואַרפֿן. מיר קענען מאַכן שוועדן אַ גלאָבאַלן בײַשפּיל וואָס נעמט אויף זיך אַחריות און ווײַזט דעם וועג."

**אָזאַ ראָמסאָן**

**מיר ווילן...**

* אַז שוועדן זאָל זײַן דער אינטערנאַציאָנאַלער פֿירער אין דער אַרבעט איבערצוגעבן אַ בעסערע וועלט צו אונדזערע קינדער.
* פֿאַרזיכערן אַז דער עקאָלאָגיש פֿרײַנטלעכער אויסוואַל איז תמיד גרינגער און ביליקער. באַנען זאָלן זײַן ביליקער פֿון אַעראָפּלאַנען און שנעלער פֿון אויטאָס.
* אינוועסטירן אין נײַע קלימאַטישע אַרבעט־פּלעצער – באַנען און אויטאָבוסן, באַנײַענדיקע ענערגיע, אויפֿלעבן די באַהויזונג און דער "מיליאָן־פּראָגראַם", עקאָ־טוריזם, אָפּפֿאַל־באַאַרבעטונג און זאַכן מיט קוואַליטעט און עלטער.

"דאָס ייִנגל וואָס זיצט אין דער הינטערשטער ריי אין קלאַס און האָט שוין אויפֿגעגעבן – ער דאַרף אַ לערער ווער האָט צײַט און גלויבט אין אים באַזונדער. און דאָס מיידל וואָס הענגט איר גאַנצן זעלבסט־געשטאַלט אויף תמיד באַקומען די בעסטע צייכנס אין אַלע טעסטן, די בעסטע רעזולטאַטן – די שול מוז זי קענען זען באַזונדער, הינטער די צייכנס, די טעסטן און די רעזולטאַטן. אַלע תּלמידים האָבן דאָס רעכט ליב צו האָבן צו גיין אין שול!"

**גוסטאַוו פֿרידאָלין**

**מיר ווילן...**

* אַז מער מענטשן זאָלן ווילן ווערן לערערס. לערנען זאָל געשאַצט ווערן אַלס איינע פֿון אונדזערע וויכטיקסטע פּראָפֿעסיעס. דעריבער זאָל רעגירונגס־געלט אויסגעניצט ווערן צו העכערן לערערישע געצאָלטן.
* אַז לערערס זאָלן האָבן די צײַט צו זײַן לערערס. מיר ווילן פֿאַרמינערן ביוראָקראַטיע פֿאַר לערערס און באַשעפֿטיקן מער אָנגעשטעלטע אין שולן.
* אַז תּלמידים זאָלן זײַן צופֿרידן אין שול. עס מוז זײַן אַ בעסערן צוטריט צו דער געזונט־באַזאָרגונג פֿון תּלמידים און מער קולטור אין שולן.

**לייענט מער פֿון אונדזער פּאָליטיק אין אונדזער וואַלן־מאַניפֿעסט אָדער אויף mp.se.**

**דעם 14טן סעפּטעמבער קענט איר זײַן אַ טייל פֿון מאָדערניזירן שוועדן.**